גוט שבת אלע אידן. די געוועזענע וואך האבן מיר דערציילט דעם מורא'דיגען מעשה וועגן צוויי בר מצוה בחורים וואס זייערע בר מצוות זענען אויסגעפאלן אינעם זעלבען שבת, און בײדע זענען צוגעגאנגען צו דער בימה, מיינענדיג אז זיי גיין ליינען די פרשה. איין בחור האט געהייסן שלמה. שלמה איז נישט לאנג בעפאר דעם געקומען וואוינען אין דעם געגענט. דער צווייטער בחור בנימין האט דאס געוואוסט, און וועגן דעם האט בנימין מוותר געווען אויף ליינען די פרשה, כאטש אפילו ער האט אריינגעלייגט לאנגע שעות צו צוגרייטן פאר דעם גרויסען טאג. אבער, אפילו בנימין האט נישט זוכה געווען צו ליינען די פרשה דעמאלט אין די שבת פון זיין בר מצוה, איז זיין הארעוואניע אין חזר'ן דער פרשה געקומען צוניץ עטליכע יאר שפעטער.

פיר יאר שפעטער אין אן ערב שבת אין ירושלים (וואו זיי האבן געוואוינט), איז מרס. נומאן, בנימין'ס מאמא געווען פארנומען מיט צוגרייטן לכבוד שבת קודש. פלוצלינג האט זי געשפירט א שטארקע ווייטאג אין איר הארץ, ל"ע. "בנימין! שנעל," האט זי געשריגן און געגומען א טיפן אטעם, "רוף טאטי!" צען מינוט שפעטער איז מרס. נומאן געווען אין די הצלה וואגן קיין שערי צדק שפיטאל אין ירושלים. דארט האט מען איר גלייך געגומען צום הארץ דאקטאר.

מען האט געמאכט פילע טעסטס אויף מרס. נומאן ביז עס איז געווארן נאנט צו דער זמן. זי האט געדארפט בלייבן אין שפיטאל ביז די טעסטס וועלן זיין גרייט, און דאס וועט זיין אין שבת. (אלעס איז געווען מותר וועגן פיקוח נפש). בנימין'ס טאטע האט געהייסן אז בנימין זאל בלייבן מיט זיין מאמע איבער שבת אין דעם שפיטאל, אבער ער אליינס וועט אהיימגיין צו זיין שבת מיט די אנדערע קינדער.

פרייטאג צונאכטס איז א דאקטאר אריינגעקומען צו מרס. נומאן'ס צימער אין שפיטאל און ער האט געזאגט, "מיר האבן געטראפן דעם פראבלעם, מרס. נומאן... מיר קענען דיר געבן א נייע מעדיצין אדער דארף מען דיך אפערירן. דו מוסט אונז געבן אן ענפער ביז מארגן (שבת ביי טאג). ווי שנעלער דו קענסט אונז ענטפערן, וועט עס זיין אלס בעסער. טאמער דו ווילסט נעמען די מעדיצינען מוזן מיר גלייך אנהייבן – און אויב דו ווילסט מאכן די אפעראציע גיין מיר דיר גלייך צוגרייטן."

בנימין און זיין מאמע האבן נישט געוואוסט וואס צו טון. מרס. נומאן האט נישט געקענט מחליט זיין, און בנימין איז דאך נאר אלט געווען זיבעצען יאר. אפילו טאמער זיי וואלטן געמעגט דורך א גוי אהיימרופן צו פרעגן מר. נומאן וואס צו טון, וועט ער דאך סיי ווי נישט אויפהייבן דעם טעלעפאן.

פלוצלינג, האט בנימין געהערט א גרויסע טומעל אינדרויסן פון זיין מאמע'ס צימער. ער איז ארויסגעגאנגען קוקן. "וואס גייט דא פאר?" האט ער געפרעגט איינעם וואס איז דארט געשטאנען.

"אוי, האסט גארנישט געהערט? ר' יוסף שלום אלישב שליט"א איז אריין אין שפיטאל גלייך פאר שבת." ער האט זיך נישט גוט געפילט ערב שבת און מען האט אים אריינגענומען צום שפיטאל. די דאקטוירן האבן ב"ה גארנישט געטראפן אבער זיי האבן געזאגט אז רב אלישב שליט"א זאל בלייבן ביז נאך שבת צו מאכן זיכער אז אלעס איז אין ארדנונג. [און די אלע מענטשן זענען געקומען אים צו באזוכן שבת.] "ב"ה," האט בנימין געטראכט, "איך גיי פרעגן ר' אלישב וואס צו טון. טאטי גייט דאך צו אים אייביג פאר עצות." האט ער געטראכט.

בנימין האט געקוקט און געזען ווי א גרופע מענטשן זענען געשטאנען לעבן ר' אלישב'ס צימער. וויאזוי וועט ער קענען צוקומען צו בכלל זען דעם רב, און ווער רעדט נאך צו רעדן מיט אים! פלוצלונג האט ער געטראכט פון אן עצה! "די שבת איז פרשת יתרו, מיין בר מצוה פרשה," האט ער געטראכט. "איך געדענק נאך פונקטליך דעם ליינען פון די וואך. און איך גיי פארשלאגן צו ליינען די תורה פאר דעם רב'ס פריוואטען מנין מארגן, און אפשר נאכדעם וועל איך האבן א געלעגענהייט צו רעדן מיט אים וועגן די אנדערע 'פרשה'."

שפעטער יענע אוונט (פרייטאג צו נאכטס) האט בנימין שטילערהייט געקלאפט אויף די רב'ס טיר. "קען איך אפשר האבן דעם כבוד צו ליינען די תורה פארן רב מארגן? עס איז מיין בר מצוה פרשה און איך קען עס זייער גוט..." דער רב האט גיך אנגענומען בנימין'ס פארשלאג. און אזוי, ביי שחרית, האט בנימין ענדליך געליינט זיין בר מצוה פרשה – פיר יאר שפעט, אבער פונקליך אין דעם ריכטיגען צייט!

נאכן דאווענען האט רב אלישב באדאנקט בנימין. בנימין האט גענומען דעם געלעגענהייט צו רעדן וועגן זיין מאמע'ס מצב. "איך דארף שוין געבן די דאקטוירן אן ענפער," האט בנימין געזאגט צו דעם רב.

"זארג דיך נישט בנימין," האט רב אלישב געזאגט. "איך גיי בעטן פאר מיין אייגענעם דאקטאר, פראפעסאר שמאי צבעוני צו זען דיין מאמע. (וויבאלד אז רב אלישב איז אזוי באליבט האבן זיי געשיקט דעם בעסטן הארץ דאקטאר וואס עס איז נאר דא אין ארץ ישראל). מיט דעם הילף פונעם באשעפער וועט זי האבן א רפואה שלימה." האט דר. צבעוני געזאגט.

מוצאי שבת האט פראפעסאר צבעוני מברר געווען מרס. נומאן'ס מצב און נאכדעם האט ער גערעדט צו רב אלישב שליט"א. דער דאקטאר האט געהייסן מאכן די אפעראציע ווי שנעלער. דער פראפעסאר האט געזאגט אז ער וועט עס אליין טון גלייך אינדערפרי. באלד נאך דער אפעראציע איז מרס. נומאן פאלקום געזונט געווארן און איז אהיימגעגאנגען צו איר משפחה געזונטערהייט, ב"ה.

"רב אלישב האט באמת נישט געדארפט זיין אין שפיטאל," האט בנימין געזאגט. "נאר, הקב"ה האט אים דארט געפירט צו ראטעווען מיין מאמע'ס לעבן." האט בנימין אויסגעפירט.

די פרשה רעדט די וואך ווי די מרגלים האבן געטראגן ריזיגע טרויבען אויף צוויי שטאנגען. רש"י רעדט אויס דארט אז איין מענטש איז מסוגל צו טראגן א דריטל ווי צוויי מענטשן. למשל, אויב איין מענטש קען טראגן 100 פונט אויף זיין אקסעלן, קענען צוויי מענטשן טראגן 300 פונט אויף זייערע אקסעלן. די חסידישע ספרים טייטשען דעם ענין על פי רוחניות. ד"ה, צוויי אידן וואס לערנען צוזאמען אדער טון א מצוה צוזאמען האבן סאך א גרעסערער כח ווי איין איד אליינס. מען זעט דעם ענין אין דעם מעשה וואס מען האט דערציילט. דורך בנימין'ס ווייזן ווארעמקייט צו דעם פרעמדען בחור שלמה, האבן ער און זיין מאמע זוכה געווען צו אלעס גוטס. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים,
רחל בת פייגא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**